גליון

# קוראי עונג

פרשת האזינו

נערך ע"י הרב יצחק דוד טווערסקי - מלמד בישיבת קארלין סטאלין


## דברי תורה

**הַאֲזִינוּ הַשָּׁמַיִם וַאֲדַבֵּרָה וְתִשְׁמַע הָאָרֶץ.** (לב, א)

פשוט'ע אידן קוקן אלעמאל ארויף אויף די חשוב'ע אידן, דעריבער אויב די חשוב'ע אידן פירן זיך ווי עס דארף צו זיין, דאן מאכן די פשוט'ע אידן דאס נאך.

קומט אויס, אז די גרויסע און חשוב'ע אידן זענען פאראנטווארטליך פאר די קליינע און פשוט'ע.

'שמים' מיינט די חשוב'ע אידן, 'ארץ' מיינט די פשוט'ע אידן, זאגט אונז דער פסוק, 'האזינו השמים', קודם זאלן די חשוב'ע אידן צוהערן, און אויב זיי וועלן צוהערן, וועט שוין ממילא זיין 'ותשמע הארץ', אז די פשוט'ע אידן וועלן שוין אויך צוהערן.

(דער הייליגער 'חתם סופר' זי"ע)

**יַעֲרֹף כַּמָּטָר לִקְחִי.** (לב, ב)

די רייד פון דער הייליגע תורה זענען צוגעגליכן צו רעגן, ווייל ווען עס רעגנט זעהט מען נישט באלד וואס עס האט אויפגעטוהן פאר די געוואוקסן, נאר שפעטער ווען די זון שיינט אויף, זעהט מען ערשט וואס דער רעגן האט אויפגעטוהן. אזוי אויך ווען מען הערט די רייד פון תורה און די רייד פון תוכחה, כאטש בשעת מעשה זעהט מען נישט וואס דאס האט אויפגעטוהן, אבער צום סוף וועט מען שפירן וואס דאס האט אויפגעטוהן.

(דער הייליגער רבי שמחה בונם פון פרשיסחא זי"ע)

**כִּי שֵׁם ה' אֶקְרָא הָבוּ גֹדֶל לֵאלֹקֵינוּ.** (לב, ג)

'כי שם ה' אקרא', דאס אליינס אז מיר קענען דאווענען צום אייבערשטער און מיר קענען לערנען זיין הייליגע תורה, 'הבו גודל לאלקינו', פאר דעם אליין לויבן מיר דעם אייבערשטער.

(דער הייליגער 'באר מים חיים' זי"ע)

**אֵ-ל אֱמוּנָה וְאֵין עָוֶל.** (לב, ד)

'א-ל אמונה', 'א-ל' איז א לשון פון שטארק, (ווי עס שטייט 'ואת אילי הארץ לקח'), אויב האט מען א שטארקע אמונה אין דעם אייבערשטער, 'ואין עול', וועט דאן נישט פאסירן פאר'ן מענטש קיין שום אומרעכט.

(ספר 'ברית אברם')

**שִׁחֵת לוֹ לֹא בָּנָיו מוּמָם.** (לב, ה)

אמאל זינדיגט א מענטש ווייל ער קען זיך נישט גובר זיין אויף די נסיונות פון דער יצר הרע, אדער ווייל ער האט ליידער ספיקות אין אמונה.

ווען א איד האט נסיונות קען ער האבן א טענה צום רבונו של עולם, אז ער האט עם געגעבן א יצר הרע און דעריבער איז ער דורכגעפאלן, אבער דער וואס האט א חסרון אין אמונה, דער האט נישט קיין תירוץ דערויף.

פון וואו ווייסט מען אויף א מענטש פארוואס ער האט געזינדיגט, צי צוליב דער יצר הרע, צי צוליב חסרון אין אמונה? נאר מען קוקט אויף זיינע קינדער, אויב גייען זיי בדרך התורה, ווייסט מען אז דאס וואס ער האט זיך פארזינדיגט איז נאר צוליב וואס ער האט זיך נישט געקענט גובר זיין אויפ'ן יצר הרע, אויב אבער זענען זיינע קינדער אויך פארדארבן, דאן ווייסט מען אז דאס איז צוליב זיין א חסרון אמונה.

דאס זאגט דער פסוק, 'שחת לו לא', דאס וואס ער איז פארדארבן קען ער נישט ארויף לייגן אויף דער יצר הרע, אז די נסיונות זענען געווען צו שווער, וויבאלד 'בניו מומם', זיינע קינדער פירן זיך אויך נישט ווי עס דארף צו זיין, איז א ראי' אז דאס וואס ער האט געזינדיגט קומט נאר צוליב זיין חסרון אין אמונה.

(דער הייליגער 'כתב סופר' זי"ע)

**שְׁאַל אָבִיךָ וְיַגֵּדְךָ זְקֵנֶיךָ וְיֹאמְרוּ לָךְ.** (לב, ז)

'שאל אביך', אויב א מענטש בעט דעם אייבערשטער ווי א קינד בעט פון זיין טאטע, און ער זאגט: "טאטע, טאטע, העלף מיר". דאן וועט זיין 'ויגדך', דאסווארט 'ויגדך' איז א לשון פון ציען, וועט דער אייבערשטער דיר ציען אזוי ווי א טאטע צו א קינד.

(דער הייליגער רבי חיים מאיר פון וויז'ניץ זי"ע)

**צוּר יְלָדְךָ תֶּשִׁי וַתִּשְׁכַּח אֵל מְחֹלְלֶךָ.** (לב, יח)

'צור ילדך תשי', דער אייבערשטער האט דיר געגעבן א נאטור פון פארגעסן, פאר דיין אייגענע טובה, כדי אז דו זאלסט פארגעסן אלע שלעכטע זאכן וואס פאסירן מיט דיר, אבער 'ותשכח א-ל מחוללך', דו האסט גענומען דער גוטע נאטור פון פארגעסן, און דו האסט פארגעסן פון דער אייבערשטער.

מען קען דאס מסביר זיין מיט א משל: א מענטש איז אמאל געווען א גרויסע בעל חוב, האט עם זיין נאנטע חבר געגעבן א גוטע עצה, אז ווען איינער קומט צו עם בעטן דאס געלט וואס ער איז שולדיג, זאל ער זיך מאכן ווי ער איז משוגע געווארן.

א צייט שפעטער, איז ער געווען שולדיג געלט פאר זיין נאנטע חבר, ווען דער חבר האט געמאנט דאס געלט, האט ער זיך באנוצט מיט דעם זעלבע עצה פון זיך משוגע מאכן.

האט עם דער חבר געזאגט: "איך האב דיר געגעבן דעם עצה, און יעצט נוצט דו דאס אקעגן מיר?"

דאס זעלבע איז דא, דער אייבערשטער האט דיר געגעבן א נאטור פון פארגעסן, און דו נוצט דאס צו פארגעסן פון עם.

(דער 'מגיד' רבי יעקב קראנץ פון דובנא זי"ע)

## אמרות חכמים

**דור עקש ופתלתל.**

דער הייליגער רבי בונם פון פרשיסחא זי"ע, זייענ'דיג אלס יונגערמאן א סוחר, איז אמאל געווען אויף שבת אין דאנציג, אינאיינעם מיט נאך עטליכע סוחרים.

אינמיטן די שבת'דיגע סעודה האט איינע פון די סוחרים באשטעלט ביים בעל אכסניא א נייע פלאש וויין. האט דער בעל אכסניא אראפגעשיקט אין קעלער זיינע צוויי באדינער, א איד און להבדיל א גוי, זיי זאלן ארויפברענגען דאס פלאש וויין.

ארויפקומענ'דיג מיט'ן פלאש, האט רבי בונם באמערקט, ווי דער איד האלט דאס לאמטערנע מיט די ליכט, און דער גוי האלט דאס פלאש וויין.

האט רבי בונם זיך אנגערופן צו די אנוועזנדע: "אויף זיי איז געזאגט געווארן דעם פסוק 'דור עקש ופתלתל', ווייל ווען דער גוי וואלט געהאלטן דאס לאמטערנע און דער איד דאס וויין, וואלט גוט געווען, אבער יעצט אז דער איד האט מחלל שבת געווען האלטנ'דיג די לאמטערנע און דער גוי האט דורכ'ן האלטן דאס פלאש, געמאכט דאס וויין פאר 'יין נסך', דאס מיינט 'ופתלתל', פארקרומט און פארדרייט...

✵ ✵ ✵


כל הזכויות שמורות © נאכדרוקן פארבאטן • צו באקומען דעם גליון אדער צו שרייבן הארות און הערות ביטע שיקט צו koreioneg@gmail.com

**שאל אביך ויגדך.**

אמאל האט דער הייליגער רבי אלימלך פון ליזענסק זי"ע זיך אנגערופן: ווער עס וויל זוכה זיין צו 'יראת שמים' זאל פארן זעהן דעם הייליגער רבי פנחס פון קאריץ זי"ע.

ווען זיין זוהן דער הייליגער רבי אלעזר האט דאס געהערט איז ער געפארן קיין קאריץ.

זיצנ'דיג דארט האט זיך רבי אלעזר אינמיטן צוקרעכצט: "אוי טאטעו!"

האט עם רבי פנחס קאריצ'ער געפרעגט: "ודילמא לאו אביו הוא? (=אפשר איז דאס נישט דיין טאטעו? אז מען איז נישט אין דער מדריגה זיך מייחס צו זיין ווי א קינד צום טאטן אין הימל.)

רבי אלעזר האט גארנישט גע'ענטפערט דערויף.

ווען ער איז אהיימגעפארן און דערציילט פאר זיין טאטע דער רבי, רבי אלימלך וואס איז דארט געווען, האט עם זיין טאטע געפרעגט: "און וואס האסט דו גע'ענטפערט פאר רבי פנחס?"

האט רבי אלעזר גוזאגט אז ער האט גארנישט גע'ענטפערט.

האט עם רבי אלימלך געזאגט: "דו וואלסט געדארפט ענטפערן: עס שטייט דאך (דברים לב, ז) 'שאל אביך', מען בארגט זיך א טאטעו!" (שאל איז אויך א לשון פון בארגן).

✻ ✻ ✻

**ודם ענב תשתה חמר.**

אין די שטאט ניקלשבורג האט געוואוינט א איד אן עושר מיט'ן נאמען גדלי', וועלכער איז געווען א ברענעדיגער מתנגד פון דער הייליגער רבי, רבי שמעלקא פון ניקלשבורג זי"ע.

א בייזווילליגער פלאן האט זיך געפארעמט אין דעם מח פון גדלי' איין יאר אום ערב יום כיפור, דער גדלי' האט גענומען דאס עלטסטע פלעשל וויין וואס ער האט פארמאגט, און האט זיך ארויסגעלאזט צום שטוב פון רבי שמעלקא, ער האט אראפגעלייגט דאס פלעשל פאר'ן רבי'ן וועלכער האט געהאלטן אינמיטן די סעודה, און האט אריינגעגאסן פון די וויין אין א גלעזל און דאס דערלאנגט פאר'ן צדיק.

דער רבי האט אויפגעהויבן דאס גלעזל און האט צוביסלעך אויסגעטרונקען דאס גאנצע גלעזל.

גדלי' איז נאכנישט געווען צופרידן, ער האט צוריק אנגעפולט דאס גלעזל און האט זיך צוגעקוקט מיט אן איינגעהאלטענעם שמייכל, ווי דער רבי טרינקט אויס דעם צווייטן גלעזל פון די אלטע שטארקע וויין.

נאכ'ן אויסטרינקען דעם פערטע גלעזל איז שוין גדלי' געווען צופרידן, זיין הארץ איז געווען פול מיט שמחה ווען ער האט זיך פארגעשטעלט וואס עס וועט זיך אפשפילן אין רבי שמעלקא'ס גרויסן בית המדרש פון שטאט, ווען דער צדיק וועט ארויפגיין צום בימה פאר כל נדרי, אבער ער וועט זיין גוט אנגעטרונקען.

ער האט זיך געריבן די הענט פאר פרייד און איז זיך געגאנגען ווייטער זיין וועג.

כאטש וואס עס האט אויסגעזען אז דער עושר'ס בייזווילליגער פלאן וועט געלונגען, האט ער זיך אבער נישט גערעכנט אויף איין זאך. דער רבי, רבי שמעלקא האט זיך געגרייט פאר דעם הייליגסטן טאג פון יאר מיט אזא פחד, אז דאס וואס די הייליגע חכמים ז"ל האבן געזאגט אז 'יין קשה פחד מפיגו', פחד מאכט אויסוועפן אפילו שטארקע וויין, איז מקויים געווארן אין פולן זין פון ווארט.

דער רבי, רבי שמעלקא האט צוגעטרעטן צום הייליגן טאג מיט אזא פחד, אז אפילו די שטארקע וויין האט נישט געלאזט אויף עם קיין השפעה.

דער צדיק פלעגט זיך יעדעס יאר פירן נישט צו פארלאזן דעם בית המדרש דעם גאנצן נאכט פון יום כיפור. נאר נאכ'ן דאווענען מעריב פלעגט דער רבי זאגן תהילים ביים עמוד און דער גאנצע עולם האט נאכגעזאגט פסוק ביי פסוק אויף א הויך קול.

דאס יאר, ווען דער צדיק איז אנגעקומען צו די ווערטער 'בזאת ידעתי כי חפצת בי כי לא יריע אויבי עלי', דאס מיינט, מיט דעם וועל איך וויסן אז דו ווילסט אין מיר, ווען דו גייסט נישט שלעכט'ס טוהן פאר מיין פיינט צוליב מיר. האט זיך דער רבי, רבי שמעלקא אפגעשטעלט און האט איבערגעזאגט עטליכע מאל מיט א פייער'דיגע ברען.

דער צדיק האט עס אויך געטייטשט אין אידיש, אזוי זאגנ'דיג די פסוק מיט'ן טייטש עטליכע מאל.

ער האט געזאגט: "מיט דעם ווייס איך אז דו השי"ת ווילסט אין מיר, ווען דו וועסט נישט צוריקצאלן קיין שלעכט'ס חלילה פאר די וואס האבן מיר געוואלט שלעכט'ס טוהן, כאטש איך האב אזעלכע פיינט וועלכע ווילן אז איך זאל פארשעמט ווערן, דאך פארגעב זיי די עבירה, אז זיי זאלן נישט געשטראפט ווערן צוליב מיר!"

די דאזיגע ווערטער האט דער צדיק איבערגעזאגט עטליכע מאל הויך אויפ'ן קול, ביז עס האט טיף אריינגעשטאכן אין יעדעמ'ס הארץ, אזוי אז אלע אידן וועלכע זענען דאן געווען אין דעם בית המדרש, האבן געלאזט טייכן טרערן.

קיינער אין דעם גרויסן בית המדרש האט נישט פארשטאנען וואס די רייד פונעם רבי'ן באדייט, אויסער פון איין איד וועלכער איז געשטאנען ביים מזרח וואנט, דאס איז דער עושר גדלי' וועלכער האט שוין איינמאל פארשטאנען וועמען דער רבי מיינט דא מיט זיינע הארציגע רייד.

ער איז טאקע מורא'דיג נתפעל געווארן פון די געוואלדיגע צדקות און ענוות פונעם צדיק, וואס נישט נאר ער זוכט זיך נישט צו נוקם זיין אין די וואס האבן עם געזוכט צו פארשעמען פאר אלעמען, נאר ער בעט נאך ביים באשעפער פאר עם, אז ער זאל מצליח זיין און נישט ליידן דערפאר.

מיט ציטער'דיגע הענט און פיס האט ער זיך דערנענטערט צום רבי'נס ארט.

ווען ער איז אנגעקומען צום רבי'ן איז ער געפאלן צו זיינע פיס, ווען טרערן רינען פון זיינע אויגן האט ער זיך געבעטן ביים צדיק ער זאל עם מוחל זיין אויף דאס וואס ער האט עם געוואלט פארשעמען, ער האט זיך מתוודה געווען ברבים אויף זיינע שלעכטע מעשים וואס ער איז באגאנגען קעגן דעם רבי'ן.

אויף דעם האט רבי שמעלקא זי"ע עם גע'ענטפערט: "אפילו ווען דיין פלאן זאל ווען יא געלונגען און איך וואלט זיך באוויזן אין ביהמ"ד אויף אזא שרעקליכע אופן מיט אזעלכע בזיונות, וואלט דאך נאר ארויסגעקומען א טובה דערפון, ווייל איך וואלט דאך נאר מער אויסגעלייטערט געווארן דורך דעם!"

✻ ✻ ✻

**אמרתי אפאיהם אשביתה מאנוש זכרם.**

דער הייליגער רמב"ן האט געהאט א תלמיד מיט'ן נאמען אבנר, וועלכע איז אראפ פון אידיש'ן וועג, און האט זיך גע'שמד'ט ר"ל.

אין דעם הייליגן טאג יום כיפור האט אבנר גערופן דעם רמב"ן, און אין פארנט פון עם האט ער גענומען א חזיר, גע'שחט'ן, געקאכט און דאס געגעסן.

דערנאך האט אבנר געפרעגט פונעם רמב"ן: "אויף וויפיל חייבי כריתות האב איך היינט עובר געווען?"

האט דער רמב"ן גע'ענטפערט: "אויף פיר".

האט אבנר געזאגט: "ניין, נאר אויף פינף".

זיי האבן זיך מפלפל געווען דערויף, און צום סוף האט דער רמב"ן מודה געווען צו אבנר אז ער איז גערעכט.

דערנאך האט דער רמב"ן געפרעגט פון זיין תלמיד אבנר: "אויב דו ביסט אזא בקי אין תורה, וואס האט דיר צוגעברענגט צו זיך שמדן ר"ל?"

האט אבנר גע'ענטפערט: "ווייל דו האסט מיר געזאגט אז אין פרשת האזינו איז מרומז אלעס פון דער וועלט, און ווייל איך האב דאס נישט געגלייבט, האב איך שוין נישט געגלייבט אין די גאנצע תורה".

האט דער רמב"ן געזאגט צו אבנר: "איך האלט נאך אלס אזוי, און אויב דו גלייבסט מיר נישט קענסט דו מיר יעצט פרעגן, און איך וועל דיר אלעס ענטפערן".

האט אבנר געפרעגט פונעם רמב"ן: וואו אין פרשת האזינו איז מרומז מיין נאמען?"

האט דער רמב"ן זיך אוועק געשטעלט דאווענען מיט גרויס כוונה, און דער אייבערשטער האט אריינגעלייגט אין זיין מויל דער פסוק 'אמרתי אפאיהם אשביתה מאנוש זכרם', אז די דריטע אותיות פון דעם פסוק איז נוטריקון 'אבנר', דאס מיינט צו זאגן אז ער וועט האבן א שלעכטע סוף.

ווען אבנר האט דאס געהערט האט ער אנגעהויבן שטארק צו ציטערן, ער איז געגאנגען צום ים און ארויף אויף א שיף און האט שטארק געוויינט און שטארק תשובה געטוהן. דער שיף איז אוועק געפארן, און מער האט מען פון עם נישט געהערט.

דער רמב"ן האט מתפלל געווען אז ער זאל האבן א שטיקל כפרה. נאך א קורצע צייט איז אבנר געקומען צום רמב"ן אין חלום און עם באדאנקט פאר'ן מתפלל זיין אויף עם, ווייל נאך די צוועלף חדשים אין גיהנום וועט ער האבן א כפרה.

✻ ✻ ✻